STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04965

A MES LES OYFN INZL TSEYLON

Sergei Metsh

Permanent preservation of this book was made possible by the children & grandchildren of Rebecca Migdal in honor of Rebecca Migdal

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

#74

סערגיי מעטש.

א מעת לעת אויפן אינזל צייַלאָן

איבערגעזעצט
דורך ז. גראסמאַן.

פארלאג
"דאָס בוך"
ביאַליסטאק.

1920

דרוקעריי מ. ב. מירסקי, ביאַליסטאָק.

74

אַ מעת לעת אויפן אינזל ציילאָן.

אונזער גרויסער דאַמפער שווימט צו צום אינזל ציילאָן און ווערט פאַראַנקערט אין האַפן קאָלאָמבאָ, וועלכער איז אויך די הויפט-שטאָט פון אינזל.

אַ גרויסע, שוימיקע אָקעאַן-כוואַליע לויפט אָן אויפן ברעג און קייקלט זיך איבערן זאַמד.

דער גאָלדיק-ברענענדיקער מערב ווערט פּלוצלונג בלוט-רויט, און דער דאָזיקער אוונט-פלאַם איז אַזוי ווי אַ שאַרפער קעגנזאַץ צו דער שטילער, רויִק-בלויער פאַרב פון הימל. אָט איז די פייערדיקע קויק פון דער זון צוגעקומען צום האָריזאָנט. ס'איז בלענדנדיק ליכטיק. נאָר ס'גייט אַריבער ניט מער ווי 2 מינוט און די בלענדנדיקע טאָג-ליכטיקייט ווערט פּלוצלונג פאַרביטן מיט אַ טיפער פינסטערניש פון דער צוגעפאַלענער נאַכט.

מיר זײַנען אַרויף אויפן ברעג, וואו ס'זײַנען געלעגן אַ סך פּעסלאַך מיט געווירצן, וואס ס'האט צוגעגרייט צו אַפּשיקן קיין אייראָפּע.

מיר האָבן קוים באַוויזן אַרויפצוגיין אויפן ברעג, האט אונז אַרומגערינגלט אַ מחנה מענשן און האבן אונז פאַרגעלייגט זייער באַדינונג.

געלע כינעזער מיט הויכע היט אויף די קעפּ, נאַקעטע ביז גאַרטל וועלן אונז אַוועקטראָגן—אויב מיר וועלן נאָר פאַרלאַנגען — אויף זייערע לייבער, שיין אויסגעאַרבעטע וועגעלאַך. די דאָזיקע כינעזער ווערן אָנגערופן מענשן־פערד. מיר זיינען ניט געוואוינט געווען צו אַזעלכע נסיעות און דער גאַנצער ענין איז אונז אויסגעקומען משונה ווילד און זייער ניט אָנגענעם—אונז, געזונטע מענשן, וועלן טראָגן אַזעלכע מענשן ווי מיר! דעריבער האבן מיר זיך אָפּגעזאָגט פון דעם פאַרגעניגן און מיר האבן באַשלאָסן זיך דורכצוגיין ביז דער שטאָט צופוס.

נאָך אַ לאַנגער נסיעה אויף דער שיף האָט אונז דער דאָזיקער שפּאַציר אין אַזאַ פּרעכטיק־שיי־נער לאַנד, און אַזאַ וואַרימער, שמעקעדיקער נאַכט זייער אַ סך הנאה פאַרשאַפט.

פון ברעג אין שטאט אריין פירט אן אויסגעצייכנטער שאסיי-וועג. פון ביידע זייטן נעמען אים ארום הויכע טראפישע ביימער.

א פולע לבנה איז ארויפגעשוואומען אויפן הימל און האט מיט איר זילבער-ווייסן שיין באלויכטן די צארטע בלעטער פון די באנאנען און די קרוינען פון די הויכע פאלמען. די ביימער זיינען באלויכטן פון דער לבנה, נאר טונקל שווארצע שאטנס שפרייטן זיך אויס פון זיי איבער דער ערד. די לופט איז אנגעפילט מיט א פארשיכורנדיקן ריח פון געוויקסן, וועלכע זיינען אונז אומבאקאנט. אין דער טונקלקייט פון דער נאכט טראגן זיך פייערדיקע פינטעלאך, וואס לייכטן זיך מיט א פרעכטיק-בלויעם שיין. דאס זיינען לייכטנדיקע זשוקעס. די הויכע געדיכטע ביימער זיינען פול מיט די לייכטנדיקע פינטעלאך, פונקט ווי קליינע ליכטעלאך וואלטן אויף די צווייגן געהאנגען. און אט דערזעען מיר עפעס אזוינס, וואס פארוואונדערט אונז נאך מער: שלאנקע, גראציעזע פרויען, איינוואוינערינס פון ציילאן, גייען אונז אנטקעגן און ביי יעדערער פון זיי שיינען ארויס פון קאפ פונקט דיזעלביקע שטערנדלאך, וועלכע מיר זעען אויף די ביימער!

דאָ אויפלייכטנדיק, דאָ צאַנקנדיק באַלייכטן די דאָזיקע שטערנדלאַך מיט אַ בלאַסער זילבער-שייַן די חנוודיקע, טונקעלע פנימער פֿון די פרויען. ווען מיר האָבן פאַרוואונדערטע זיך אויפמערקזאַם צוגע-קוקט צו די פרויען האָבן מיר זיך איבערצייַגט, אַז דאָס האָבן זיי זיך די קעפּ פאַרפּוצט מיט שטיקלאַך דורכזיכטיקע לייַוונט, אין וועלכע ס'זיינען געווען אייַנגעוויקלט עטלאַכע לייכטנדיקע זשוקעס.

קלייַניקע פלעדערמייַזלאַך, בונטע נאַכט-שמע-טערלינגען טראָגן זיך אין דער לופֿט, זיך באָרנדיק אין דער העלער לבנה-שייַן; טויזנטער גרילן קלאַפּן אין גראָז זייער נאַכט-ליד. די אַלייע איז פול מיט לעבן און שמעקעדיקע ריחות. און לינקס, אויפן ווייסן זאַמד פון ים-ברעג גלאַנצן די ים-מושלען, שפּילנדיק מיט זייער פּערלמוטער-שייַן און מעכטיקע, שוימיקע כוואַליעס קלאַפּן זיך אָן אָן ברעג.

מיט אַ האַסט שלאָגן זיי זיך אָן שטייַנער וואַרפנדיק אין דער הויך גאַנצע וואָלקנס וואַסער-שטויב, דורכגענומענע מיט לבנה-גלאַנץ און וואַרפן זיך פאַנאַנדער, אַפּלויפנדיק צוריק ביז אַ נייַעם שטור-מישן אָנפאַל...

קוקנדיק אויף דער דאזיקער פראכט, האב איך געפילט א דריקנדיקן ווייטאק אין הארצן, וויסנדיק, אז דער דאזיקער פראכטפולער אוונט איז ניט מער ווי איין מאמענט אין לעבן, וועלכער וועט זיך ניט איבערחזרן און וועט פארשווינדן אויף אייביק ווי א דורכלויפנדיקער שיינער חלום...

אט זיינען מיר שוין אין שטאט. איינשטאקיקע מויערן פארטרונקענע אין גרינס און בלומען, העל באלויכטענע פענסטער און שויבן, נאר מיט לאדנס פון באמבוסשטעקלעך געפלאכטענע, וועלכע מ'קען צורוקן און אפרוקן — אזוי זיינען אלע הייזער פון די איראפייער אין ציילאן. מיר זיינען געווען זייער מיד פון וועג און זיינען אריין אין אן אכסניא.

צוליב דער שרעקלעכער היץ ווערט דא זייער א סך אכטונג געגעבן, אז זאל זיין וואס א גרעסערער צוק-ווינט און וואס ווינציקער זונענשיין, דעריבער זיינען אין די הייזער ניטא קיין טירן, נאר פארהאנגען פון קליינע, דינע באמבוק-פלאטעס. די לופט איז אין ציילאן אזוי שטיל און רואיק, אז קיין לייכטוויכטעלע ווייט ניט אריין דורך די פארהאנגען און לאדנס. כדי די לופט זאל א ביסל קילער ווערן,

מאכט מען דאָרט א קינסטלאכן ווינט מיט דער הילף פון גרויסע פאָכערס.

אין מיין שלאָף־צימער זיינען אויך ניט געווען קיין שויבן נאָר לאָדנס מיט גראַטעס. דורך די דאָזיקע גראַטעס איז קיין פרישע לופט פון גאַס ניט אריינגעדרונגען, דערפאר זיינען אין צימער אנגע־פלויגן גאַנצע חמרים מאסקיטן.

די מאסקיטן זיינען נאנטע פריינד מיט אונזערע קאַמאַראַס. א מאסקיט איז קלענער פון א קאַמאַר און זיין ביס לאָזט זיך כמעט גארניט פילן, אָבער דערנאך ווערט דאָס אנגעביסענע ארט שטארק אנגע־שוואָלן און ס׳הויבט אָן אזוי מוראדיק צו שמארצן, אז ס׳איז אוממעגלאך אויסצוהאלטן. דעריבער איז דארטן לחלוטין ניט מעגלאך צו שלאָפן אזוי, ווי מ׳שלאָפט ביי אונז. דאָרטן איז אין יעדער שלאָף־צימער אום־באַדינגט נויטיק א „מאסקיטן־שטייגל״ — צום בעט ווערט צוגעפעסטיקט א ראַם, וועלכע ווערט פון אַלע 4 זייטן אנגעצויגן מיט א ווייסן דורכזיכטיקן ליַיוונט. אויף אזא אופן באקומט זיך א מין באַזונ־דער צימער, וואוהין די מאסקיטן קאָנען ניט אריי־דרינגען.

אַ לאַנגע צייט האָב איך ניט געקענט איינ־שלאָפן, ווייל ס'איז געווען שרעקלאך דושנע.

אין ציילאָן ברענגען די נעכט קיין שום אָפּ־פרישונג ניט, ס'הערשט דיזעלביקע היץ, וואָס בייטאָג.

שפּעט אין דער נאַכט בין איך איינגעשלאָפן און ווי נאָר די זון איז אויפגעגאַנגען (אין ציילאָן, אזוי ווי אין אלע לענדער, וואס ליגן נאָנט צום עק־וואַטאָר, גייט די זון אויף און זי פאַרגייט פּונקט 6 אַ זייגער) בין איך שוין געווען אויף. איך האָב זיך געטראָפן מיט מיינע חברים, וועלכע האָבן אויף דעמזעלביקן אופן פאַרבראַכט די נאַכט און מיר זיינען ארויס פאַרן גאַס.

נעבן אכסניא זיינען שוין געשטאַנען עטלאכע ציילאָנער, וואָס האבן אונז פאַרגעלייגט צו קויפן איידל־שטיינער, וועלכע געפינען זיך אין ציילאָן אין א גרויסער צאל, פאַרשיידענע צאַצקעס, איידל אויס־געארבעט פון העלץ און העלפאַנטביין און אַנדערע חפצים. די באַרימטע אינדישע קונצנמאַכערס האָבן צוגעצויגן אונזער אויפמערקזאַמקייט. באַמערקנדיק, אַז מיר אינטערעסירן זיך מיט די קונצנמאַכערס, איז צו

אונז צוגעגאַנגען אַן אלטער אינדוס, אַ שײַנער און שלאַנקער זקן, אײַנגעטאַנצן אַ נאַקעטער, נאָר מיט אַ גאַרטל אויף די לענדן און מיט אַ טשאַלמע אויפן קאָפּ. זײַנע טיפע שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט מיט אַ מאָדנעם גלאַנץ. אין מויל האָט ער געהאַלטן אַ קאַמישן־פּײפעלע וואָס האָט אַרויסגעלאָזן משונהדיק־ווײנענדיקע טענער. נאָך אים איז געגאַנגען אַ הויכער מאָגערער אינדוס, טראָגנדיק אויפן פּלײצע אַ גרויסע צוגעדעקטע קאָרב. אַרום אונז האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ גרויסער עולם. דער אַלטער אינדוס האָט זיך מיט אונז באַגריסט און האָט אָנגעהויבן זײַנע הכנות צו ווײַזן אונז דאָס וואָס ווערט געוויינלאַך אָנגערופן „די וואונדער פון אינדיע".

דער אַלטער זעצט זיך אַנידער אויף דער ערד און נעבן אים, אויף אַ שטח פון עטלעכע טריט שטעלט דער הויכער אינדוס אוועק די צוגעדעקטע קאָרב. דער אַלטער הויבט אָן אַרויסלאָזן פון זײַן פּײַפל ניט אָנגענעמע, ווילדע און טרויעריקע קלאַנגען, און קוקט אויף דער קאָרב מיט פּײַערדיקע בליקן. דער גאַנצער עולם אַרום ווערט שטיל און קוקט אויף דער קאָרב אָנגעשטרענגט, מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם. די קאָרב שטייט אומבאַוועגלאַך.

נאך א מינוט און דעם אלטנס פײַפל הויבט אן צו שפילן העכער, טרויעריקער און ער אליין קוקט אויף דער קארב דורכדרינגנדיק ווי פריער. אט גיט די קארב א ציטער. דעם אלטנס פײַפל ווײנט העכער. די קארב גיט זיך ווײטער א ריר און בלײַבט שטיל.

די פײַפל ציט נאך אלץ איר צוצוינענע, אײַנ־טאניקע, אומעטיקע מעלאדיע.

פלוצלונג קומט פאר עפּעס אומגעווײנלאכעס: די דעקל פון קארב גיט זיך האסטיק א הויב און פון קארב שפרינגען ארויס 2 מוראדיק גרויסע ריזיקע ברילן־שלאנגען, די שרעקלאכסטע באשעפע־נישן אויף דער וועלט, פון וועמעס ביס א מענש שטארבט מאמענטאל.

אן אומגעווײנלאכע אימה נעמט אן דעם גאנצן עולם און אלע, ווי אײן מענש, שפרינגען אפּ מיט צושראקענע פנימער אן א זײַט.

נאר דער אלטער אינדוס אליין באוועגט זיך ניט, רירט ניט מיט קײן אבר. פונקט ווי ער וואלט פארשטײנערט געווארן.

שיפענדיק דערנענטערן זיך די שלאנגען צום

אַלטן. ער זיצט זיך גלײַכגילטיק, פֿײַפֿט זײַן אײַנטאָ־ניקן אומעטיקן לידל, קוקנדיק אויף די שלאַנגען מיט זײַן דורכדרינגענדיקן פֿײַערדיקן בליק.

פֿלוצלונג, מיט אַ בליץ־שנעלער באַוועגונג פֿון זײַן האַנט גיט ער אַ כאַפּ בײַדע שלאַנגען פֿאַר די העלזער און וואַרפֿט זיי האַסטיק אָפּ פֿון זיך.

אכזריותדיק מיט ברייט פֿאַנאַנדערגעעפֿנטע צייניקע פּיסקעס וואַרפֿן זיך די שלאַנגען אויף דעם אַלטן קונצנמאַכער, נאָר ער שטייט אומבאַוועגלעך אָנ־געשטרײַנגט און קוקט זיך אײַן צו יעדער באַוועגונג פֿון די שלאַנגען.

געפֿינענדיק אַ גינסטיקן מאָמענט, וואַרפֿט ער זיי פֿלינק אָפּ פֿון זיך.

אַלץ העכער און העכער פֿײַפֿט די פֿײַפֿל, אַלץ לאַנגזאַמער ווערן די באַוועגונגען פֿון די שלאַנגען, פּונקט ווי זיי וואָלטן פֿאַרכּישופֿט געוואָרן דורך די אײַנטאָניקע, ווײנענדיקע קלאַנגען פֿון דער אומעטי־קער מוזיק. און אָט ציט אײַנע אויס די האַלז, הייבט אָן לאַנגזאַם, אין טאַקט צו דער מוזיק צושאָקלען מיטן קאָפּ.

די צווייטע פֿירט נאָך אַלץ איר עקשנותדיקן

קאמף מיטן אַלטן קאָנצנטאַבער. דער אָרימער זארקן
גיסט זיך מיט שוויס, פארטײַדיקט זיך פון די שטופּ-
מישע אָנפאַלן פון דער בײזער, צעווייטער חיה און
בלאָזט אין פּייפל מיט די גאַנצע כוח. צום סוף
ווערט די צווייטע אויך שוואַכער, גיט זיך אונטער
די פּאַרפּישופּדיקע קלאַנגען פון אַלטנס פּייפל און בײַ-
דע שלאַנגען שאָקלען שוין צו צום טאַקט דער מוזיק
זײערע דרײַקאַנטיקע עקלהאַפטע קעפּ. דאַמאַלסט
כאַפּט דער אַלטער בײדע שלאַנגען, וויקלט זיי ארום
זײַן נאַקעטן קערפּער, און מיט זיין שרעקלאַכער באַ-
פוצונג גייט ער ארום צווישן די צוקוקער אַ פאַר-
מאַטערטער, אַ פאַרשוויצטער און בעט אַ באַלוינונג
פאַר דער אימהדיקער פאַרשטעלונג.

מיר האָבן דעם אַלטן איבערגעלאָזן עטלאַכע
מטבעות און מיר זײַנען אַוועק. אַ לאַנגע צײַט האָבן
מיר זיך ניט געקענט באַפרײַען פון דעם שווערן איינ-
דרוק, וואָס האָט אויף אונז געמאַכט די שרעקלאַכע
פאַרשטעלונג.

כדי גענויער באַטראַכטן די שטאָט און ניט
פאַרלירן דערבײַ קיין סך צײַט, האָבן מיר געדונגען
אַ קאַרעטע, איינגעשפּאַנט אין אַ פּאָר אָרטיקע,

קלײנע פערדלאַך. די דאָרטיקע קאַרעטעס זײנען אָפן פון אַלע זײטן. איבערן געזעס איז דאָ א דאך, וועלכער האַלט זיך אויף עטלאַכע קלעצלאַך. דעם שטח צווישן די קלעצלאַך קאָן מען פאַרהײנגען מיט פאָרהאַנגען. אויף דער קעלניע זיצט א טונקל־ברוינער בראָנז־פאַרביקער מאַלאַיער (אײַנוואוינער פון די מאַלאַישע אינזלען).

פריער פאָרן מיר באַקוקן די אײראָפּעאישע שטאָט טײל. זי איז זײער שײן. די הײזער זײנען דאָרט מערסטנטײלס אײנשטאָקיקע שטײנערנע בנינים, מיט ברײטע װעראַנדעס, דורכאויס ארומגעפלאָכטן מיט טראָפּישע פלאַנצן און בלומען. אויף די װעראַנדעס שטײען טישן און שװערע שטולן פון באַמבוק־האָלץ.

די גאַסן זײנען אויסגעצײכנט ברוקירט און פון בײדע זײטן פאַרפלאַנצט מיט בוימער. פאַרבײ די קראָמען און מאַגאַזינען ציען זיך גלאַטע טראָטואַרן. מיר גײען אַרײַן אין אַ מאַגאַזין עפּעס קויפן צום אָנדײנק פון צײלאָן. מ׳װײזט אונז שײנע קעסטעלאַך פון שװאַרצן האָלץ, קערבלאַך, קונציק אויסגעפלאָכטן פון פּאַלמען־בלעטער, צאַצקעס פון העלפאַנט בײן, מאַ־

דעלן פון ציילאָנער שפּלאך און אַנדערע זאַכן.

אויפגיך קויפן מיר איין פארשיידענע שיינע חפצים און מיר פאָרן באַטראַכטן די אזיאטישע טייל פון שטאָט, וועלכע רופט זיך די סינגאלעזישע טייל. אין דער אזיאטישער שטאָט-טייל איז דאָ אַזויפיל גרויסאַרטיקע שיינע געוויקסן אין פאלמען, אַז פון ערשטן אויבליק זעט זיך אויס ניט ווי א שטאָט, נאר ווי א טראָפּישער וואַלד. די אַלע מינים טראפּישע געוויקסן, וועלכע מיר זעען אין די בעסטע אראנזשערייען און פון וועלכע מיר ווערן אַזוי נתפעל, וואקסט דאָ ווילד ריזיק און אין אַן אויסערגעוויינלאכע צאָל. די אַלע באנאנען און פארשיידענע פאלמען זיינען אַזוי אַזוי, הויך די מענשן מיט זייערע הייזלאך זעען אויס ווי שפילצייג קעגן זיי. און אַלץ איז ארומגעפלאכטן מיט גירלאנדעס פון קריכעדיקע רויזן און ווילדע וויינטרויבן, אַלץ לעבט און אָטעמט. די גאנצע שטאט-טייל איז איינגעטונקט אין גרינס און איז פול מיט קלאנגען פון געפליגלטע, פרעכטיק באפוצטע זינגער.

די גאנצע וואונדערלאכע רייכקייט פון דער פלאנצן-וועלט וועלכע מיר האָבן זיך נאָר אמאל געקאנט פארשטעלן אין חלום, איז איצט פאר אונזערע

אויגן, מיר רייסן די גרויסארטיקע בלומען, מיר שעפּן נחת פון זייער שיינקייט און זיסע ריחות. דאָס איז עפּעס אַזוי ווי אַ חלום אויף דער וואר, דאָס איז אַ צויבער מעשהלע, וואָס האָט זיך אין אַ ווירקלאַכקייט פאַרוואַנדלט...

נעבן יעדן הייזל פון דער סינגאַלעזישער שטאָט-טייל וואקסן קאקאָס-פּאַלמען. דער שטאַם פון פון אַ קאָקאָס-פּאַלמע איז אַ גלייכער און אַ קיילעכ-דיקער. ער דערגרייכט אָפט די הויך פון 40 אַרשין. דער שטאַם פאַרענדיקט זיך אין דער הויך מיט אַ בוקעט פון ניין אַרשיניקע בלעטער, וואָס בייגן זיך אַראָפּ צו דער ערד, ווייל צווישן זיי הייגנען בונטן ריזיקע ניס, צו 30 שטיק אין אַ בונט. נעבן דער קאָקאָס-פּאַלמע וואַקסט אַ שירעם-פּאַלמע. די לעצטע איז נידעריקער פון דער קאקאָס-פּאַלמע, נאָר איר קרוין איז וואונדערשיין. שטעלט זיך פאָר אַ גע-טאַקטע בלאַט, אונטער וועלכער 12 מענשן קענען זיין געשיצט פון רעגן און היץ! און פון אָט אַזעלכע בלעטער באַשטייט די ריזיקע קרוין פון דער שירעם-פּאַלמע. ניט ווייט פון דער שירעם-פּאַלמע שטייט אַ מאַנגוסטאַן. מאַנגוסטאַן—דאָס איז אַ בוים, וואָס וואַקסט נאָר אין די געגנטן פון אַזיע, וועלכע ליגן

בײַם עקוואטאר. ניט קוקנדיק אויף אַלע באַמיִאונגען, האָט זיך ביז איצט קיינעם ניט איַינגעגעבן אויס־צוהאדעווען זי אין אַן אנדער וועלט־טײל. דער בוים איז זייער א שײנער: אַ הויכער, באַדעקט מיט העל־גרויער קאָרע, אַ מאסע גרויסע, טונקל־גרינע בלעטער, וואָס גיבן א געדיכטן שאטן. זײַנע צווייגן בויגן זיך אונטער דער שווערקײַט פון די פרוכט — פון ברוין־רויטלאַכער פאַרב, גרויס ווי אַן עפּל.

אויפן גאַס איז שוין לעבעדיק. די אײַנוואוינער זײַנען שוין וואַך. אַ דאַנק דעם, וואס די הײַזער זײַנען אָן טירן און פענסטער זעט מען פון גאַס אַלץ, וואָס טוט זיך אינעווײַניק.

די סינגאַלעזישע פרויען זײַנען פאַרנומען מיט צוגרייטן צום עסן: איינע קאַכט עפּעס א מאכל, די צווייטע בראַקט גריַנס. אין דערזעלביקער צייט זײַנען די מענער פאַרנומען מיט פאַרשיידענע מלאכות: דער העבלעוועט ברעטער, דער קלאַפּט מיט אַ האַמער, דאָרטן זעגט מען קלעצער. אַ באַנדער שלאָגט אַרויף רייפן אויף אַ פאַס, אין וועלכער מ׳וועט איינפּאַקן צוקער, אָדער קאַווע צו אָפּשיקן קיין אייראָפּע. אויפן גאס טרעפן מיר אַן פויערים, וואָס

טראָגן צו פאַרקויפן מילך, קוואַל־וואַסער, אייער, הינער, פרוכט און בלומען. אָט פאָרן דורך צוויי־רעדערדיקע פורלאַך באַלאָדענע מיט רייז, גערשטן און טערקישע ווייץ. נאַקעטע קינדער לויפן נאָך אונזער קאַרעטע מחנותווייז. יעדער פון זיי לייגט אונז פאָר צו קויפן פאַרשיידענע פרוכט און אַרטיקעל פראָדוקטן אַזוי, אַז באַלד פאַרשפרייט זיך אַרום אונזער קאַרעטע ריחות פון צימערונג, קאַמפער, וואַניל. נאָר אָט ווערט די קאָמפּאַניע פון אונזערע באַגלייטערס פאַרגרעסערט מיט אַן אומגעריכטן גאַסט: אַ יונגער העלפאַנט גייט צו צו אונז, שאָקלט מיט זיין לאַנגן שנאָבל (דאָס באַטייט מסתמא אַ באַגריסונג) און ציט אים אויס צו אונז, בעטנדיק אַ מתנה. מיר גיבן אים עפּעס, ער גייט אוועק פול־שטענדיק באַפרידיקט און שפּאַצירט ווייטער איבערן גאַס, באַגלייטנדיק אונז מיט די אויגן.

די סינגאַלעזער איינוואוינער זיינען זייער סימפּאַטישע מענשן. זיי זיינען נישט קיין הויכע נאָר שלאַנקע, דינע. זיי האָבן שיינע, קלוגע אויגן, שוואַרצע האָר און טונקל־ברוינע הויט. זיי ציען צו מיט זייער ליבן שמייכל, מיטן מעלאָדישן קלינגנדיקן ריידן און אויסערגעוויינלאַכער העפלאַכקייט.

נאך דער קליידונג קען מען ניט אונטערשיידן פון א מאנספארשוין ביז א פרוי. סיי די, סיי יענע טראגן אויערדינגלאך, לאנגע האר, גייען אנגעטאן אין קורצע קליידער מיט בלוזקעס.

פון קאלאמבא האבן די איינגלענדער דורכגעפירט א באן קיין קענצי, די פריערדיקע הויפטשטאט פון ציילאן. פון קאלאמבא ביז קענצי איז א מהלך פון 130 וויארסט און דער באן מאכט עס דורך אין 4 שעה. די ערשטע העלפט וועג גייט דורך וועלדלאך פון קאקאס-פאלמען, דורך רייז פעלדער, וואו ס'ווארפן זיך דורך הייזלאך פון סינגאלעזער. נאר פון דער סטאנציע מירגאם (54 וויארסט פון קאלאמבא) הויבט זיך אן א בערגיקער קאנט. דא גייט דער באן דורך טונעלן, אט לויפט ער פארביי אן אפגרונט, איבער א רוישיקן בארג-קוואל, אט קומט ער אריין אין א טראפישן וואלד, איבערשרעקנדיק די מאלפעס און העלפאנטן.

זייענדיק אין קענצי האבן מיר באקומען די מעגלאכקייט צו באזוכן דעם באטאנישן גארטן, וואס די איינגלענדער האבן איינגעארדנט ניט וויט פון שטאט. דער דאזיקער גארטן איז דער

אײנציקער אין דער װעלט לויט זײַן רײַכקײט און פאַרשײדנאַרטיקײט פון פלאַנצן און טראָפּישע געװיקסן, פון שטאַט בױן גאָרטן אין סך הכל 7 װיארסט. דעם דאָזיקן שטח קאָן מען צופאָרן מיטן באַן אָדער מיט אַ פור איבערן שאָסײ, דער װעג גײט דורך טײ און קאַװע פלאַנטאַציעס, װעלכע געהערן צו אײנגלענדער. די הײַזער פון די באַלעבאַטים זעען זיך קוים אַרויס פון געדיכטן טראָפּישן גרינס, װאָס פלעכט זײ אַרום. דער באָטאַנישער גאָרטן געפינט זיך אויפן ברעג פון דעם גרעסטן טײַך אין צײלאָן (מאַגאַװימי).

אַ שײנע אַלײע פון אַלטע קאַאוטשוק־בײמער פירט אין גאָרטן אַרײַן. דער קאַאוטשוק־בױם — איז אַן אינדישער געװיקס. פון זײַן געדיכטער, װײַסער זאַפט באַקומט מען גומע. דער בױם איז אַ ריזיקער. זײַנע צװײַגן קענען באַדעקן אַ גאַנצן פּלאַץ. אונטן בײם אָנהױב פון שטאַם דרײען זיך און קריכן איבער דער ערד אַנצאָליקע מאַסע װאָרצלען, פּונקט װי ריזיקע שלאַנגען.

די אַלײע צוטײלט זיך אויף 2 װעגן; דער װעג לינקס פירט צו דער װאױנונג פון גאָרטן־פאַר־

וואלטער. א נידעריקע איינשטאקיקע הויז, ארומגערינגלט מיט אן אפענער וועראנדע. די גאנצע וועראנדע איז איינגעטונקט אין א ים פון וויקלדיקע פלאנצן. ארום שטוב, אין בלומען גערטל, זיינען פארפלאנצט די שענסטע בלומען. בוימער וויקלען איין די גאנצע שטוב. אין א ניט דורכזיכטיקער, געדיכטער נעץ פון בלעטער. א גאנצער ים פון פארשיידנפארביקע שמעטערלינגען, זשוקעס, פויגעלאך, יאשטשערקעס, גיט צו דעם בילד לעבן און באוועגונג. די שענסטע צווישן דעם גאנצן ים חיהלאך זיינען די קליינינקע, גראציעזע וועווערקעס, וואס שפרינגען כסדר אין גארטן און זיינען געווארן אינגאנצן פארהיימיש.

היות ווי אונז איז געבליבן גאר ווייניק צייט, האבן מיר זיך געמוזט באגרעניצן אין אונזער באטראכטן דעם גארטן; מיר האבן זיך אפגעשטעלט נאר ביי די סאמע אינטערעסאנטע געוויקסן.

ביים אריינגאנג אין גארטן ווארפט זיך גלייך אין די אויגן די ריזיקע קוסטעס פון באמבוק—ביז 45 ארשין די הויך. יעדער קוסט באשטייט פון א סך הויכע קיילעכדיקע שטאמען, אן ארשין אין דורכשניט (דיאמעטר). דער באמבוק נעהערט צו

דער משפחה גראָז־פּלאַנצן און דעריבער איז זיין שטאַם אַזעלכער פּוסט און ער האָט קנופּן, ווי אַ שטרויִ פון קאָרן אָדער ווייץ, נאָר דער אָנהויב פון פּלאַץ וועלכער איז ביי אונזערע גראָז־פּלאַנצן אַ העלע הײַטעלע—ביים באַמבוק אָבער איז דאָס אַ גרויסע רינג, אין וועלכער ס'וואָלט זיך געקאָנט אַרײַנלייגן אַ דרײַ יאָריק קינד אזוי ווי אין אַ וויגעלע.
אַרומגייענדיק אויפן ברעג פון שטילן טײַכל אינטערן שאָטן פון די באַמבוק בוימער, האָבן מיר פּלוצלונג דערשפּירט, אַז אימיצער בייסט אונז אין די פיס. זיך גוט צוקוקנדיק האָבן מיר באַמערקט, קליינינקע פּיאַווקעס, וועלכע האָבן זיך פעסט אײַנגעגעסן אין אונזערע פיס, מיר האָבן אויך באַמערקט, אַז נאָך אַ סך אַזעלכע קריכן מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט איבער אונזערע שיך, וועלנדיק זיך צוכאַפּן צום פוס. דאָס זיינען די יבשה־פּיאַווקעס פון ציילאָן. אין די וועלדער פון אינזל לעבן זיי מיליאָנענווײַז, באַזונדערס ביי די ברעגעס פון די טײַכן. זיי קריכן שטענדיק איבער דער ערד, איבערן גראָז, קריכן אַרויף אויף קוסטעס און בוימער, און פון דאָרטן פאַלן זיי אַראָפּ אויף די דורכגייענדיקע מענשן. ווען זיי זויגן זיך אָן מיט בלוט ווערן זיי גרויס אזוי ווי

אונזערער א געוויינלאכע פיאווקע. נאר הונגעריקערהייט זיינען זיי דין ווי א פאדים און קענען לייכט זיך דורכגליטשן אפילו צווישן געשטריק פון זאקן.

באזונדערם שיין און אינטערעסאנט איז די אפטיילונג פון פאפאראטניק. דא קענט איר זען קלייניניקע צארטע פאפאראטניק ווי מאך, און דערוועלביקער צייט באגעגנט איר דא אזעלכע, וואס זיינען אזוי הויך און דיק ווי די שענסטע פאלמען.

נאר ס'איז שוין צייט צו פארן קיין קענדי. פון קענדי קומען מיר צוריק קיין קאלאמבא מיטן בייגאכטיקן צוק.

פאר זון-אונטערגאנג זעצן מיר זיך אין אונזערע שיפלאך און מיר פארן צו צו אונזער דאמפער, וועלכער איז שוין גרייט צו אפשווימען.

אויפן דאמפער טרעפן מיר א גאנצע מחנה סינגאליעזער, אראבער, אינדוסן, זיי האבן אנגעבראכט אויפן שיף פארשיידענע מינים היגע אויסארבעטונגען פון פערלמוטער, העלפאנט-ביין. זיי לייגן אונז פאר צו קויפן ביי זיי פאפוגייען, ריזיקע זשוקעס, מאלפעס, צײלאנער איידל שטיינער, אינדישע טעפיכער, טראפישע פלאנצן און פרוכט.

ס׳דערהערט זיך אָבער דער לעצטער פײַף פון דאמפער און די גאנצע בונטע מחנה לאזט זיך אין די שיפלאך און אונזער דאמפער גייט אָפּ פון צײַלאן.

מיר קענען ניט אָפּרייסן די אויגן פון אינזל. מיר קוקן אויף זײַנע קאנטורן, וואָס פארשווינדן פאמעלאך פון אונז.

דער אינזל גייט אײַן אין אונזערע אויגן, ער פארשווינדט...

אַריע צײַלאן! דער מעת־לעת, וואס מיר האבן פארבראכט אין דעם גן עדן ווינקל וועט זיך אָפּשטעלן אין אונזער זכרון ווי א ליבער שײַנער פארבײַלויפנדיקער טרוים.